בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִיש

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת און הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים און מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון פ'

פרשת נח

שנת תשפ"ה


## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

אַ גוּטְן טָאג מַיינֶע טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים און מְחַנְּכִים.

אַזוֹי וִוי דִי אַרְבֶּעט וֶוערְט מִיר גְרֶעסֶער און גְרֶעסֶער, מִיר הָאבְּן שׁוֹין הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ חֵדֶר אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין שְׁטֶעטְל, אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, אִין בְּנֵי בְּרַק און אִין טְבֶרְיָה; און מִיר הָאבְּן שׁוֹין הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ 'בֵּית פֵּיגָא' אִין וִוילְיַאמְסְבּוּרְג, אִין שְׁטֶעטְל, אִין יְרוּשָׁלַיִם עִיר הַקוֹדֶשׁ, און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט אוֹיבּ דֶער עוֹלָם הַאלְט מִיט דִי פֵיינֶע נַייעֶס; דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט אַ 'בֵּית פֵּיגָא אִין טְבֶרְיָה', דֶערִיבֶּער אִיז מִיר גְרִינְגֶער צוּ גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע בִּכְלָלִיּוּת, און מֶען וֶועט עֶס אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם גֶעבְּן צוּ הֶערְן אִין אַלֶע חֲדָרִים און שׁוּלֶעס אִיבֶּער דִי וֶועלְט.

### מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער בַּיי הַפְסָקָה

אַזוֹי וִוי מֶען גֶעבְּט עֶנְק צוּ הֶערְן דִי שִׁיעוּרִים בַּיי הַפְסָקָה, וִויל אִיךְ נִישְׁט צוּנֶעמֶען עֶנְקֶער צַייט פוּן זִיךְ אָפְּרוּעֶן, וֶועל אִיךְ רֶעדְן אַבִּיסְל קוּרְץ אָבֶּער שַׁארְף.

עֶטְץ זָאלְסְט וִויסְן, סֵיי בַּיי דִי קְלֵיינֶע הַפְסָקָה און סֵיי בַּיי דִי גְרֶעסֶערֶע הַפְסָקָה, אִיז דֶער מְלַמֵד וַוייטֶער אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט אִין חֵדֶר. מְלַמְּדִים קֶענֶען יֶעצְט טְרַאכְטְן אַז 'דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה לֵייגְט דָא אַרוֹיף נֵייעֶ זַאכְן אוֹיף אוּנְז'... אָבֶּער עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נֵייעֶ זַאכְן, דָאס אִיז דִי אַרְבֶּעט פוּן מְלוּמְדוּת! פוּן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען דִי קִינְדֶער קוּמֶען אָן אִין חֵדֶר בִּיז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַהֵיים - אִיז דֶער מְלַמֵד אַחְרָאִי אוֹיף דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אַ בַּאזוּנְדֶערֶע מְלַמֵד וָואס דְרֵייט זִיךְ צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער בַּיי הַפְסָקָה, מֵיינְט נִישְׁט אַז דֶער מְלַמֵד קֶען דֶעמָאלְט אַוֶועקְפָארְן פוּן חֵדֶר און אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער, דֶער מְלַמֵד וָואס אִיז מִיט דִי קִינְדֶער בַּיי הַפְסָקָה אִיז גֶעמַאכְט אַז דֶער גֶעהֶערִיגֶער מְלַמֵד זָאל קֶענֶען אַבִּיסְל אַרוּמְשְׁפַּאצִירְן און זִיךְ אָפְּרוּעֶן פוּן זַיין שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער נִישְׁט אוֹיף אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן חֵדֶר.

### חִינּוּךְ הָאט מִיטְ'ן מְלַמֵד אַלֵיין

עֶס זֶענֶען דָא בְּרִיוְון אִין 'שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב' וואוּ מֶען פְרֶעגְן אָן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: **"פוּן וֶוען הֵייבְּט זִיךְ אָן חִינּוּךְ?" "פוּן וֶוען דַארְף מֶען שׁוֹין מְחַנֵךְ זַיין אַ קִינְד?"** מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט זֵיי: **"בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מֶען גֶעזָאגְט, חִינּוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער, חִינּוּךְ הֵייבְּט זִיךְ נָאךְ אָן פַאר דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן חֲתוּנָה; עֶס הָאט מִיטְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס"**.

מְלַמְּדִים און לֶערֶערִינְס קֶענֶען נִישְׁט זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער זַאכְן אוֹיבּ עֶס אִיז סְתַּם גֶעזָאגְט און זֵיי אַלֵיין הַאלְטְן נִישְׁט דֶערְבַּיי, עֶס דַארְף זַיין אַזוֹי וִוי דִי מִשְׁנָה דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס פִילֶע מָאל אִין מַסֶכֶת אָבוֹת: **"הוּא הָיָה אוֹמֵר"**, מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט פְּשַׁט: **"הוּא"** - דָאס אוֹיפְפִירוּנְג פוּנֶעם מְלַמֵד זֶעלְבְּסְט, **"הָיָה אוֹמֵר"** - רֶעדְט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; דָאס אוֹיפְפִירוּנְג פוּנֶעם מְלַמֵד גֵייט אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידִים.

אַ מְלַמֵד דַארְף אַלֵיינְס זַיין אָנְגֶעפִילְט מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם כְּדֵי זַיינֶע וֶוערְטֶער זָאלְן אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶער, און מֶען קֶען גְלַייךְ זֶען אוֹיף אַ קִינְד וָואס פַאר אַ מְלַמֵד עֶר הָאט, וַוייל קִינְדֶער קוּקְן זִיךְ צוּ וִוי אַזוֹי דֶער מְלַמֵד פִירְט זִיךְ, און דָאס מַאכְן זֵיי נָאךְ.

## אַ פֵייעֶר און אַ בְּרֶען

### אַלֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם

אִיךְ הָאבּ פְרִיעֶר גֶערֶעדְט מִיט דִי מְנַהֲלִים פוּן דִי מוֹסָד אִיבֶּער דֶעם נְקוּדָה אַז קִינְדֶער קוּקְן אוֹיפְ'ן מְלַמֵד און דָאס מַאכְן זֵיי נָאךְ, הָאבְּן מִיר דִי מְנַהֲלִים גֶעזָאגְט: **"אוֹיבּ אַזוֹי, וָואס הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן דֶעם אַז עֶר גֵייט עֶס זָאגְן פַאר דִי מְלַמְּדִים? עֶרְשְׁט דַארְף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיפְנֶעמֶען אַזֶעלְכֶע מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם"**, הָאבּ אִיךְ זֵיי גֶעזָאגְט: **"אִיךְ הַאלְט פוּן דִי מְלַמְּדִים! אִיךְ הַאלְט אַז אִיךְ הָאבּ גוּטֶע מְלַמְּדִים, אִיךְ הַאלְט אַז אַלֶע מְלַמְּדִים הָאבְּן יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען דַארְף זֵיי נָאר זָאגְן וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען, אַז זֵיי זָאלְן לֶערְנֶען מִיט אַ בְּרֶען און אַ הֵיילִיגְקֵייט כְּדֵי עֶס זָאל אַרַיינְגֵיין אִין דִי קִינְדֶער דָאס פֵייעֶר און בְּרֶען"**.

### לֶערְנֶען מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, לֵייגְט צוּ קָאפּ אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען 'יִרְאַת שָׁמַיִם'.

אִיךְ וֶועל עֶנְק גֶעבְּן עֶטְלִיכֶע דֻּגְמָאוֹת וִוי אַזוֹי אַ מְלַמֵד דַארְף לֶערְנֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען דֶערְפוּן יִרְאַת שָׁמַיִם; פַאר מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען סֵיי וֶועלְכֶע לִימוּד, דַארְף דֶער מְלַמֵד גֶעבְּן אַ קוּשׁ פַאר דֶעם סֵפֶר, און זֶען אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶס נָאכְמַאכְן.

אוֹיךְ דַארְף דֶער מְלַמֵד זִיצְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מֶען קֶען נִישְׁט זִיצְן מִיטְ'ן פִיס אוֹיפְ'ן טִישׁ און פָארְלֶערְנֶען חוּמָשׁ: **"בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹקִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ"**, דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִישְׁט אַ לִימוּד וָואס מֶען לֶערְנְט 'פָּשׁוּט צוּ קֶענֶען', עֶס אִיז דָאךְ 'תּוֹרָה מִן הַשָּׁמַיִם', דָאס דַארְף מֶען לֶערְנֶען מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם!

פַאר מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען קֶען מֶען

נִישְׁט זָאגְן: **"זָאגְט דִי חוּמָשׁ"**, **"זָאגְט דִי גְמָרָא"**, **"זָאגְט רַשִׁ"י"**, נָאר דֶער מְלַמֵד דַארְף זָאגְן מִיט אַ בְּרֶען: **"זָאגְט דִי 'הֵיילִיגֶע' חוּמָשׁ!" "זָאגְט דִי 'הֵיילִיגֶע' גְמָרָא!" "זָאגְט דִי 'הֵיילִיגֶע' רַשִׁ"י!"**

## אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּקְדוּשָׁה וְטָהֳרָה

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ ווִיל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, וֶוען אַ מְלַמֵד בַּאמֶערְקְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען ווִי אַ קִינְד קְרַאצְט זִיךְ זַיין קָאפּ מִיט זַיין הַאנְט, טָאר נִישְׁט דֶער מְלַמֵד מוֹרָא הָאבְּן אָפְּצוּשְׁטֶעלְן דִי כִּתָּה אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן זָאגְן: **"מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט קְרַאצְן דִי קָאפּ אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, מֶען דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה בִּקְדוּשָׁה, מֶען דַארְף לֶערְנֶען תּוֹרָה בְּטָהֳרָה"**, מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער אַז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז נִישְׁט סְתַּם אַ לִימוּד אַזוֹי ווִי מֶען לֶערְנְט זִיךְ לְהַבְדִיל 'חֶשְׁבּוֹן' אוּן דָאס גְלַייכְן, דֶער צִיל פוּנֶעם לֶערְנֶען אִיז נִישְׁט צוּ 'פַארְשְׁטֵיין' דִי קַשְׁיָא אוּן דֶער תֵּירוּץ, דֶער צִיל פוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז צוּ וֶוערְן נָאנְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, ווַייל דִי תּוֹרָה אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס.

## דַאוֶוענֶען מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם

אִיךְ ווִיל עֶנְק בֶּעטְן מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן דַאוֶוענֶען מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, מִיט אַ בְּרֶען, מִיט אַ חֲסִידִי'שְׁקֵייט, זֵיי זָאלְן זִיךְ שָׁאקְלֶען בַּיים דַאוֶוענֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוֹיפְ'ן קוֹל.

אִיךְ וֵוייס אוֹיךְ פוּן דֶעם אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אֱמֶתְ'עֶ גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעשָׁאקְלְט בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעדַאוֶוענְט אוֹיפְ'ן קוֹל, דָאס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען גוּט פַאר זֵיי, ווַייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַ שְׁטַארְקֶע פְּנִימִיּוּת, אָבֶּער מִיר הָאבְּן דָאךְ נִישְׁט קַיין פְּנִימִיּוּת, לָאמִיר כָאטְשׁ דַאוֶוענֶען אוֹיפְן קוֹל.

עֶס פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַלֵיינְס אַז דֶער מְלַמֵד דַארְף זִיצְן בַּיים דַאוֶוענֶען מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶר קֶען נִישְׁט זִיצְן אָנְגֶעלֵיינְט אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ בֶּענְקֶל אוּן שִׁיעֶר אַרָאפְּפַאלְן פוּנֶעם בֶּענְקֶל, ווַייל אוֹיבּ דֶער מְלַמֵד וֶועט אַזוֹי זִיצְן, וֶועלְן דִי קִינְדֶער עֶס נָאכְמַאכְן.

מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אַמָאל אַרַיין אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דַאוֶוענֶען אַ שַׁבָּת, אַ יוֹם טוֹב, אָדֶער רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, וֶוערְן זֵייעֶר אַנְצִיקְט פוּן דָאס שֵׁיינְקֵייט אוּן וַוארֶעמְקֵייט פוּנֶעם דַאוֶוענֶען, ווִי דֶער עוֹלָם זִינְגְט הֶערְלִיךְ שֵׁיין צוּזַאמֶען 'וְשָׁמְרוּ' אוּן 'מִמְקוֹמְךָ', וֶוער רֶעדְט נָאךְ ווִי שֵׁיין מֶען זִינְגְט אִינְאֵיינֶעם 'הַלֵּל'; דֶער נוּסָח ווִי אַזוֹי מִיר זִינְגֶען הַלֵּל, אִיז נִישְׁט קַיין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר נוּסָח, נָאר אַלְס בָּחוּר הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעהֶערְט ווִי מַיין זֵיידֶע דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זִינְגְט אַזוֹי שֵׁיין הַלֵּל פַאר זִיךְ, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעלֶערְנְט זַיין נוּסָח, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ גֶעזָאגְט הַלֵּל אוֹיף דֶעם נוּסָח, לֶעבֶּעדִיג שֵׁיין אוֹיפְן קוֹל צוּזַאמֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אוּן אַלֶע הָאבְּן זִיךְ עֶס אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט צוּ זִינְגֶען.

## בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ זִיךְ שָׁאקְלֶען בַּיים דַאוֶוענֶען

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ ווִיל אִיךְ אוֹיךְ בֶּעטְן פוּן דִי לֶערֶערִינְס פוּן בֵּית פֵיגָא, מֶען זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ וַוארֶעמְקֵייט צוּ אִידִישְׁקֵייט.

בַּיי מֵיידְלֶעךְ אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ דֶער זַאךְ פוּן זִיךְ שָׁאקְלֶען בַּיים דַאוֶוענֶען, ווַייל פַאר מֵיידְלֶעךְ דַארְף מֶען אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ דַאוֶוענֶען גְרָאד, ווַייל דָאס אִיז אֵיידְלְקֵייט, אָבֶּער פַאר אִינְגְלֶעךְ דַארְף מֶען יָא אוֹיסְלֶערְנֶען צוּ דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען מִיט אַ פֵייעֶר, אוּן זִיךְ שָׁאקְלֶען פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## אִיךְ ווִיל נִישְׁט קַיין מָאדֶערְנֶע קְהִילָה!

יֶעצְט וֶועל אִיךְ עֶנְק אוֹיסְזָאגְן אַ סוֹד, אִיךְ זָאג עֶס נָאר פַאר עֶנְק מְלַמְדִים: **"אִיךְ ווִיל קִינְדֶער 'חַנְיָאקֶעס'!"** זָאגְטְס עֶס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיס פַאר קֵיינֶעם, ווַייל דֶער עוֹלָם וֶועט אָנְהֵייבְּן אַוֶועקְצוּלוֹיפְן פוּן דָא, מֶען וֶועט זָאגְן 'עֶפֶּעס אִיז גֶעשֶׁען מִיט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה'... אָבֶּער פַאר עֶנְק זָאג אִיךְ עֶס, ווַייל עֶטְץ זֶענְטְס מַיינֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

אִיךְ ווִיל קִינְדֶער 'חַנְיָאקֶעס'! אִיךְ ווִיל נִישְׁט קַיין מָאדֶערְנֶע קְהִילָה! אִיךְ קֶען נִישְׁט סוֹבֵל זַיין קַיין פִּיצֶערַיי! דֶעם פַארְגַאנְגֶענֶעם שַׁבָּת הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען ווִי אַ אִינְגֶערְמַאן הַאלְט זַיין גַארְטְל זֵייעֶר נִידְרִיג, עֶס אִיז אִים שִׁיעֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר: 'וָואס אִיז דִי מַעֲשֶׂה מִיט אִים? עֶנְדֶערְשׁ זָאל עֶר אִינְגַאנְצְן אוֹיסְטוּן זַיין גַארְטְל, ווִי מַאכְן דִי מָאדֶערְנֶע עֶקְלְדִיגֶע זַאכְן!'

וֶוען אִיךְ זֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן מִיט שְׁמָאלֶע הוֹיזְן, טוּט מִיר עֶס וֵויי, אִיךְ טְרַאכְט צוּ מִיר: 'עֶנְדֶערְשׁ זָאל עֶר בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ ווִי קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט שְׁמָאלֶע הוֹיזְן'; מֶען קֶען נִישְׁט גֵיין מִיט שְׁמָאלֶע הוֹיזְן!

בַּאלְד וֶועט עֶטְץ מִיר פְרֶעגְן, 'דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען דָאךְ נִישְׁט קַיין 'עִיקָר', דָאס אִיז דָאךְ נָאר אַ 'טָפֵל' צוּ אִידִישְׁקֵייט?' דֶער עֶנְטְפֶער אִיז, מֶען מֶעג אוֹיךְ אַמָאל רֶעדְן פוּנֶעם טָפֵל, פוּן דִי 'עִקָרִים' רֶעדְט מֶען יֶעדְן טָאג, אוּן אַמָאל אַמָאל דַארְף מֶען אוֹיךְ רֶעדְן פוּנֶעם טָפֵל, ווַייל דָאס אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר ווִיכְטִיג. אִיךְ ווִיל אוּנְזֶערֶע מְלַמְדִים זָאלְן אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ וַוארֶעמְקֵייט אִין דִי קִינְדֶער.

## דִי קִינְדֶער זָאלְן אַלֵיינְס וֶועלְן חֲסִידִי'שְׁקֵייט

אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, לֵייגְטְס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ בְּרֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז זֵיי זָאלְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס לִיבּ הָאבְּן חֲסִידִי'שְׁקֵייט אוּן אֵיידְלְקֵייט.

בַּיי גֶעווִיסֶע חֲדָרִים שִׁיקְט מֶען אַהֵיים קִינְדֶער וָואס קוּמֶען אִין חֵדֶר מִיט אַ קְלֵיינֶע קַאפְּל וְכַדוֹמֶה, בַּיי אוּנְז שִׁיקְט מֶען נִישְׁט אַהֵיים קַיין קִינְדֶער צוּלִיבּ דֶעם, אָבֶּער אִיךְ ווִיל אַז דֶער מְלַמֵד זָאל מִיט זַיינֶע דִיבּוּרִים מַאכְן אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס וֶועלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן חֲסִידִי'שׁ אוּן אֵיידְל, זֵיי זָאלְן עֶס בֶּעטְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

מִיר הָאבְּן עֶטְלִיכֶע קִינְדֶער אִין בֵּית פֵיגָא וָואס זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן זָאגְן: **"מִיר וָואלְטְן נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זָאלְן גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט אַזַא גְרוֹיסֶע מָאס צְנִיעוּת, אָבֶּער ווִיבַּאלְד אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער ווִילְן דָאס, זֶענֶען מִיר מַסְכִּים דֶערְצוּ"**, דִי קִינְדֶער וֵויינֶען אִינְדֶערְהֵיים: **"מַאמִי, אִיךְ ווִיל גֵיין אָנְגֶעטוּן מֶער צְנִיעוּת'דִיג, טוּ מִיךְ אָן אַ לֶענְגֶערֶע פּוּסְטֶע (סְקוּרְט)"**, דָאס אִיז אַלֶעס צוּ פַארְדַאנְקֶען אוּנְזֶערֶע לֶערֶערִינְס וָואס לֵייגְן אַרַיין צְנִיעוּת אוּן אֵיידְלְקֵייט מִיט חָכְמָה אוּן לִיבְּשַׁאפְט אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דָאס וֶועלְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס.

## אַ בְּרֶען אִין אַ יוֹם טוֹב

עֶס קוּמְט יֶעצְט דֶער הֵיילִיגֶער יוֹם טוֹב 'חֲנוּכָּה', ווִיל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן: לֵייגְטְס אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אַ בְּרֶען צוּם יוֹם טוֹב! בְּרֶענְג אִין חֵדֶר אַ מְנוֹרָה אוּן ווַייז פַאר דִי קִינְדֶער ווִי אַזוֹי מֶען צִינְדְט דִי מְנוֹרָה, טוּ זִיךְ אָן אַ בֶּעקִיטְשֶׁע, וַואשׁ דַיינֶע הֶענְט אוּן מַאךְ דִי בְּרָכָה הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל, מוּרְמְל נִישְׁט אָפּ דִי בְּרָכָה אוּנְטֶערְן נָאז, נָאר זָאג דִי וֶוערְטֶער מִיט אַ בְּרֶען, מִיט אַ פְלַאקֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"בָּרוּךְ אַתָּה ...!"**

## עֵצוֹת אוּן טְרִיקְס צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט גֶעשְׁמַאק

עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה (שְׁמוֹת א, יז): **"וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים"**, מֶען דַארְף אַרַיינְלֵייגְן אַ חַיּוּת אִין דִי קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער זָאלְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אוּן מֶען קֶען עֶס טוּן מִיט פַארְשִׁידֶענֶע פְּרָאגְרַאמֶען אָדֶער מִיט אַנְדֶערֶע עֵצוֹת אוּן טְרִיקְס.

אִיךְ בִּין שׁוֹין אַסַאךְ מָאל אַרַיין אִין אַ כִּתָּה אוּן גֶעזָאגְט פַארְ'ן מְלַמֵד: **"אִיךְ גֶעבּ דִיר גֶעלְט,**

המשך

# שיעורים אין חינוך

פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**קוֹיף אֵיין מַתָּנוֹת אוּן מאךְ אַ פְּרָאגְרַאם, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן דַאוֶוענֶען אוֹיפְ'ן קוֹל, אִיךְ וִויל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין דַאוֶוענֶען".**

פָארִיגֶע וָואךְ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַרַיינְצוּגֵיין אִין כִּתָּה ג', הָאט מִיר דֶער מְלַמֵּד גֶעוִויזְן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, עֶר נֶעמְט אַרוֹיס אַ שְׁפִּילְצֵייג וָואס מֶען דַארְף צִיעֶן אַ בֶּענְדְל אוּן אַ רִינְדֶעכִיגֶע פְּלֶעסְטִיק פְּלִיט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן דַאךְ, דֶער מְלַמֵּד זָאגְט גָארְנִישְׁט פַאר דִי קִינְדֶער, עֶר גֶעבְּט אַ צִי דֶעם בֶּענְדְל אוּן דִי פְּלֶעסְטִיק פְּלִיט אַרוֹיף, אוּן אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן צוּ שְׁרַייעֶן הוֹיךְ אוֹיפְ'ן קוֹל: **"יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא יִתְבָּרַךְ!"**

דָאס אִיז מִיר מוֹרָא'דִיג גֶעפָאלְן, וַוייל מֶען קֶען הֶערְן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין דְרַייסִיג יָאר אוּן זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּזָאגְן דִי פָּאר וֶוערְטֶער וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף, אוּן דֶער מְלַמֵּד וִויל אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן עֶס יָא קֶענֶען, אַנְשְׁטָאט עֶר זָאל דַארְפְן בַּאשְׁטְרָאפְן ווֶעלְכֶער אִינְגְל זָאגְט נִישְׁט מִיט, מַאכְט עֶר דֶערְפוּן אַ שְׁפִּיל, עֶר פָּאפְּט אוֹיס דִי קִינְדֶער מִיט חָכְמָה, עֶר צִיט דֶעם בֶּענְדְל אוּן אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן קְוִויטְשֶׁען: **"יְהֵא שְׁמֵיהּ רַבָּא מְבָרַךְ לְעָלַם וּלְעָלְמֵי עָלְמַיָּא יִתְבָּרַךְ!"** דִי קִינְדֶער מֵיינֶען אַז עֶר שְׁפִּילְט יֶעצְט מִיט זֵיי, דֶערְוַוייל כַאפְּן זֵיי נִישְׁט אַז עֶר הָאט זֵיי דָא אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אַ שׁוּרָה פוּן קַדִּישׁ, אוּן זֵיי גֵייעֶן שׁוֹין אַ גַאנְץ לֶעבְּן קֶענֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער קְלָאר אָן קַיין גְרַייזְן.

### זִיךְ פָארְקוּקְן וִוי אַזוֹי צוּ פָארְלֶערְנֶען

דָאס אִיז אַ חָכְמָה שֶׁבְּחָכְמוֹת, דָאס אִיז מִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט בֵּייגֶעפַאלְן צוּ טוּן, פַארְוָואס אִיז עֶס יָא בֵּייגֶעפַאלְן פַאר דֶעם מְלַמֵּד? וַוייל דֶער מְלַמֵּד הָאט זִיךְ גוּט אָנְגֶעגְרֵייט פַארְדֶעם וִוי אַזוֹי אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער דִי פָּאר וֶוערְטֶער, דֶערְפַאר אִיז אִים בֵּייגֶעפַאלְן דִי עֵצָה, מֶען זֶעט פוּן דֶעם וִוי וִויכְטִיג עֶס אִיז זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן פָארְאוֹיס פִּינְקְטְלִיךְ אַלֶע טְרִיקְס אוּן עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען דִי לִימוּדִים פַאר דִי קִינְדֶער.

'וּמְקַבְּלִין דֵין מִן דֵין'; עֶס אִיז גוּט אַז מְלַמְּדִים זָאלְן אַמָאל אַרַיינְגֵיין אָדֶער אַרַיינְקוּקְן אִין אַן אַנְדֶערֶע כִּתָּה, אוּן זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען שֵׁיינֶע עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען מִיט דִי קִינְדֶער, אַמָאל קֶען מֶען בַּאמֶערְקְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן אַ קְלֵיינִיקֵייט, וָואס קֶען גָאר שְׁטַארְק צוּהֶעלְפְן אִין כִּתָּה.

### גֵיין שְׁפַּאצִירְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אִיךְ וִויל עֶנְק נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין אַז פַאר אִיר הֵייבְּט אָן דֶעם טָאג, פַאר אִיר הֵייבְּט אָן דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ לֶערֶערִין, זָאלְט עֶטְץ גֵיין אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיב הָאבְּן מַיין אַרְבֶּעט, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לִיב הָאבְּן דִי קִינְדֶער, אוּן הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ אַלֵיינְס לִיב הָאבְּן", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קוּמֶען צַייטְלִיךְ", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קוּמֶען גֶענוּג אָנְגֶעגְרֵייט, אִיךְ זָאל הָאבְּן חוֹמֶר פוּן דָא בִּיז'ן הִימְל... הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זָאל הָאבְּן אַלֶע סָארְט דְרֵיידְלֶעךְ אוּן שְׁפִּיצְלֶעךְ וִוי אַזוֹי צוּ גֶעוואוּנֶען דִי קִינְדֶערְ'ס הֶערְצֶער זֵיי צוּ מַאכְן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, אוּן הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אַרַיינְלֵייגְן אִין זֵיי יִרְאַת שָׁמַיִם".**

### רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם אוּן קְדוּשָׁה

אוֹיךְ וִויל אִיךְ עֶנְק בֶּעטְן, לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער דֶער זַאךְ פוּן 'שְׁמִירַת עֵינַיִם'; ווֶען מֶען גֵייט אַמָאל מִיט דִי קִינְדֶער עֶרְגֶעץ, דַארְף מֶען זֵיי זָאגְן: **"קִינְדֶער, קוּקְט אַרָאפּ"**, אוּן מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן צַייט צוּ צַייט פוּן קְדוּשָׁה; אַזוֹי וִוי עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט גֶעוָוארְן, וִויל אִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן עֶנְקֶער צַייט, ווֶעלְן מִיר יֶעצְט מְסַיֵּים זַיין דֶעם שִׁיעוּר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### וָואס טוּט מֶען ווֶען דִי קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער ווִילְן נִישְׁט פָאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן? אִיר הָאט עֶפֶּעס אַן עֵצָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת שְׁמִינִי, י"ח אֲדָר ב', שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז קִינְדֶער זֶענֶען קִינְדֶער, קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט אוּן אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אִיז זֵיי צוּ מְחַנֵּךְ זַיין.

עֶס אִיז נִישְׁט דַיין פְּרָאבְּלֶעם אַז דַיינֶע קִינְדֶער פָאלְגְן נִישְׁט אוּן עֶס אִיז אוֹיךְ נִישְׁט זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם אַז זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט. אַזוֹי אִיז דֶער דֶרֶךְ הָעוֹלָם; קִינְדֶער זֶענֶען ווִילְד, לֶעבֶּעדִיג אוּן נִישְׁט הֶערֶעוודִיג, קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט ווֶען מֶען רוּפְט זֵיי - נִישְׁט בַּיי אֵיין מָאל אוּן אוֹיךְ נִישְׁט בַּיי צְוֵויי מָאל, דִי גֶעזוּנְטֶע נַאטוּר פוּן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט צוּ פָאלְגְן וְכוּ'.

יֶעצְט נָאכְן הֶערְן דִי הַקְדָּמָה ווֶעט דִיר זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער זֵיי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין; דוּ ווֶעסְט נִישְׁט ווֶערְן אוֹיסֶער זִיךְ אוּן פַארְלוֹירְן וְכוּ' ווֶען דוּ ווֶעסְט זֵיי עֶפֶּעס הֵייסְן אוּן זֵיי ווֶעלְן נִישְׁט הֶערְן, נָאר דוּ ווֶעסְט רֶעדְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז זֵיי ווֶעלְן פָאלְגְן.

נָאךְ אַ זַאךְ אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן, ווֶען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער 'נֵיין' וְכַדוֹמֶה, טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן שׁוּלְדִיג ווֶען מֶען זֶעט ווִי זֵיי הוֹיבְּן אָן בְּלָאזְן אוּן מַאכְן אַ בְּרוֹגֶז פָּנִים וְכוּ'. אוֹיבּ מֶען לוֹיפְט צוּ דִי קִינְדֶער אוּן מֶען הוֹיבְּט זֵיי אָן פַארְגִיטִיגְן, מַאכְט דָאס אַז זֵיי זָאלְן מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי עֶלְטֶערְן, וַוייל אַ וָוארְט פוּן טַאטֶע מַאמֶע ווֶערְט גְרִינְגְגֶעשֶׁעצְט. קִינְדֶער דַארְפְן ווִיסְן אַז אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן מַחְלִיט גֶעוֶועןצוּ זָאגְן 'נֵיין'; 'קֶענְסְט נִישְׁט גֵיין דָארְט'; 'מִיר קוֹיפְן דָאס נִישְׁט'; וְכַדוֹמֶה, בְּלַייבְּט דָאס אַזוֹי, אוּן מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַ שׁוּלְד גֶעפִיל [גִילְטִי קַאנְטְשֶׁעס] אוּן צוּרִיקְצִיעֶן.

וְעַל כּוּלָם דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְצִיעֶן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; מֶען טָאר נִישְׁט אוֹיסְלָאזְן אֲפִילוּ אֵיין טָאג פוּן בֶּעטְן אוּן בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער, וַוייל תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי ווֶעלְט, בִּפְרַט תְּפִילוֹת פוּן עֶלְטֶערְן

אוֹיף דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצוּעֶן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער עַל דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה וְהַיִּרְאָה.

...

(עצתו אמונה חלק ז׳ סימן תקפז)

## וִוי אַזוֹי גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה מִיט אַ פַּארְחָלוֹמְ׳ט קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, וּבִפְרַט פַאר דִי חִיזוּק אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִימוּד, יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הֶער עֶס שְׁטַארְקְט עֶס מִיר פוּן פְרִישׁ צוּרִיק צוּ לוֹיפְן צוּ דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעגֶעבְן אַ לִיכְטִיגֶער זוּן, עֶר אִיז אָבֶּער זֵייעֶר אַ פַּארְחָלוֹמְ'טֶער, עֶר קֶען זִיצְן שָׁעוֹת אוּן זַיין פַּארְנוּמֶען בְּלוֹיז מִיט זַיינֶע חֲלוֹמוֹת אוּן פַּאנְטַאזִיעֶס. דֶער מְלַמֵּד הָאט נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט אִים, וַוייל עֶר שְׁטֶערְט נִישְׁט אִין קְלַאס, עֶר זִיצְט רוּאִיג אוֹיף זַיין פְּלַאץ, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ קֶענֶען דָאס לֶערְנֶען, הָאט עֶר נִישְׁט אַנוּנְג וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר.

אִיךְ פְּרוּבִּיר אַבִּיסְל צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶּער עֶס אִיז מַמָּשׁ וִוי קְרִיכְן אוֹיף דִי גְרָאדֶע וֶוענְט, נָאר וֶוען אִיךְ שְׁרֵיי אִים אָן אָדֶער אִיךְ גֶעבּ אִים אַ פֶּעטְשְׁל, דֶעמָאלְט וֶועקְט עֶר זִיךְ אוֹיף אוּן הוֹיבְּט אָן אַבִּיסְל אוֹיסְהֶערְן, אָבֶּער עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג בִּיז וֶוען עֶר וֶוערְט וִוידֶער פַּארְחָלוֹמְ'ט, בִּיז אִיךְ גֵיי מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע אוֹיסְוֶועג, וַוייל אִיךְ ווִיל נִישְׁט עֶר זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ לֵיידִיגֶער שְׁטְרִיק.

אִיךְ וֵייס אַז עֶר אִיז נִישְׁט שׁוּלְדִיג, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים אַזוֹי בַּאשַׁאפְן, אָבֶּער אִיךְ קֶען אִים נִישְׁט לָאזְן אַזוֹי לוֹיפְן, אוּן דָאס וָואס אִיךְ רֶעג זִיךְ אוֹיף אִים קוּמְט דָאךְ נָאר מִיט אַ גוּטֶע כַּוָּונָה אִים צוּ שְׁטֶעלְן אִין פְּלַאץ.

וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ה אִיָּיר, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דַיין זוּן אִים נִישְׁט צוּ פַּארְשֶׁעמֶען אוּן אִים נִישְׁט צוּ צֶעקְלַאפְּן; אַז דוּ וֶועסְט אִים אוֹיפְהֵייבְן וֶועסְטוּ עֶרְגֶעץ אָנְקוּמֶען מִיט אִים, אָבֶּער אוֹיבּ דוּ וֶועסְט אִים פַּארְשֶׁעמֶען, דוּ וֶועסְט אִים בַּאטִיטְלֶען מִיט אַ צוּנָאמֶען 'חוּלָם', אָדֶער 'פַּאר'חָלוֹם'טֶער' וְכַדוֹמֶה, אָדֶער דוּ וֶועסְט אִים שְׁלָאגְן ה' יִשְׁמְרֵינוּ - וֶועסְטוּ אִים חָרוּב מַאכְן אִינְגַאנְצְן.

שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ, דֶער חָכָם פוּן דִי וֶועלְט לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מְחַנֵּךְ צוּ זַיין קִינְדֶער (מִשְׁלֵי כב, ו): "חֲנֹךְ לַנַּעַר עַל פִּי דַרְכּוֹ, גַּם כִּי יַזְקִין לֹא יָסוּר מִמֶּנָּה"; דָאס הֵייסְט מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין קִינְדֶער "עַל פִּי דַרְכּוֹ" - לוֹיט זַיין וֶועג. יֶעדֶעס קִינְד הָאט אַנְדֶערֶע נַאטוּרְן, אַן אַנְדֶערֶע מֹחַ אוּן אַן אַנְדֶערֶע וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר וַואקְסְט, מֶען דַארְף גֵיין מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף זַיין וֶועג. אֵיינֶער אִיז אַ שַׁארְפֶער קָאפּ - דֶער צְוֵוייטֶער אִיז אַ גְרָאדֶער קָאפּ, אֵיינֶער אִיז אַ שְׁנֶעלֶער קָאפּ - דֶער צְוֵוייטֶער אִיז אַ שְׁטַייטֶער קָאפּ; מִיט יֶעדְן קִינְד דַארְף מֶען גֵיין אוֹיף זַיין וֶועג.

מִיר גֶעפִינֶען בַּיים הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן גִּדְגְּדָא, אַז זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען טוֹיבֶּע קִינְדֶער לֹא עָלֵינוּ; דָאךְ זֶעעֶן מִיר וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען מְמוּנֶה אוֹיף אַלֶע טָהֳרוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם (תּוֹסֶפְתָּא תְּרוּמוֹת פֶּרֶק א, יְרוּשַׁלְמִי שָׁם). זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי דִי הֵיילִיגֶע תַּנָּאִים הָאבְּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען טוֹיבּ לֹא עָלֵינוּ, דָאךְ זֶענֶען זֵיי גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זֵייעֶר וֶועג.

אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן סַבְלָנוּת מִיט דַיין זוּן וֶועט עֶר אוֹיסְוַואקְסְן אַ גֶעזוּנְטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן לוֹיט זַיינֶע כִּשְׁרוֹנוֹת אוּן דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַסַאךְ נַחַת פוּן אִים, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט אִים טְשֶׁעפֶּען וֶועט גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן אִים.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם קִינְד עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אַז זַיין קָאפּ אוּן מֹחַ זָאל זִיךְ אִים עֶפֶענֶען, עֶר זָאל פַאְרשְׁטֵיין לֶערְנֶען אוּן לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען - וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן אוֹיף דֶעם אוֹיבֶּנְדֶערְמַאנְטֶער תַּנָּא רֶבִּי יוֹחָנָן בֶּן גִּדְגְּדָא (חֲגִיגָה ג.) אַז זַיינֶע אֵיינִיקְלֶעךְ זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוֶוען טוֹיבֶּע, זֵיי פְלֶעגְן זִיצְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָּא רֶבִּי יְהוּדָה הַנָּשִׂיא אוּן זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ שָׁאקְלֶען אוּן מַאכְן מִיט זֵייעֶרֶע לִיפְּן, הָאט רֶבִּי מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן גֶעזוּנְט בִּיז זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיס טוֹיבּ; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן טָאג נָאךְ טָאג, נַאכְט נָאךְ נַאכְט - דַאוֶוענֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע קִינְדֶער אוּן פַאר דֶעם קִינְד, דוּרְכְדֶעם וֶועסְטוּ זֶען נִיסִים.

נָאכְאַמָאל, אִיךְ בֶּעט דִיר אוּן אִיךְ וָוארְן דִיר, גֶעבּ אַכְטוּנְג אִים נִישְׁט צוּ שְׁלָאגְן אוּן נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת במדבר, תש"פ)


## חִינוּךְ אָפְּטֵיילוּנְג
אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך
פון דער ראש ישיבה שליט"א
אויף קול ברסלב
דרוקט: 1-2-4-2
- שמעו ותחי נפשכם -


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com


קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876